IN GEVEB A JOURNAL OF YIDDISH STUDIES

**געלט • Money**

by **Morris Gisnet**, translation by Max H. Weinreich

*In geveb: A Journal of Yiddish Studies* (November 2021)

For the online version of this article: [https://ingeveb.org/texts-and-translations]

# געלט

# Money

Morris Gisnet
translated by Max H. Weinreich

**Introduction:** Gelt is the final play written by the lawyer, activist, and playwright Morris Gisnet (1880-1960). Set in the Russian Empire, but written and published in New York, the play explores the manifold ways in which financial hardship and success can disrupt a family dynamic.

The financial drama of Gelt was no doubt informed by the playwright's own experiences with poverty and wealth, as reported in the Leksikon. Gisnet was raised in Bessarabia and traveled to Kamenets-Podolsk at fifteen to attend high school. Lacking a birth certificate, he was barred from attendance. With no future in Kamenets-Podolsk, Gisnet left for the United States "with eight rubles and forty kopecks in his possession." Upon arrival in New York in 1896, Gisnet worked in a sweatshop, studied English, and engaged in socialist politics. He later became a lawyer and writer, publishing stories in Yiddish newspapers such as the Forverts and Fraye arbeter shtime. His plays, with titles such as Sheyndele oder di gebrokhene hertser (Sheydele or the Broken Hearts) and Der apikoyres (The Heretic), were successes in the Yiddish theater.

The protagonists of Gelt are themselves socialists, and while the villains disparage unionization as "po amerikanski!" (How American!), it's clear that Gisnet saw his theatrical work as an opportunity to advance his own pro-labor politics. Gisnet ultimately earned enough to enter the upper-middle class, a position in which he was deeply uncomfortable. Gisnet's descendants report that, though Gisnet employed a chauffeur, he was so disconcerted by the servile nature of the relationship that he insisted on sitting in the front passenger seat to keep the driver company.

This excerpt, taken from Act One, brings our heroes and villains together for their first confrontation. Pinye and Berke are laborers in their wealthy brother Dovid's factory. Labor unrest is in the air, and when Dovid cuts his workers' wages, Pinye organizes a meeting of the factory workers at his home. Every turn of the ensuing plot is calculated

to bring home the moral: poverty may be bad for the body, but wealth is worse for the soul. The later acts are so didactic as to strain credulity; in Act Three, when a pistol is inexplicably brought onstage, we know the story will end in tragedy. In contrast, this early scene has a kind of sweetness and coherence, one playwright's ideal of Jewish home life. Berke, with his bumbling Russian-infused Yiddish, brings the scene its humor, and the star-crossed romance between cousins Rokhele and Misha is a classic teen drama.

*The translator would like to thank Caroline Posner, Alexander Dubovoy, Eugene Drucker, Reyna Schaechter, and Isaac Bleaman for their support of this translation.*

# Money

(*Footsteps.*)

FREYDE: (*Looks out through the window on the right.*) Here comes Pinye, home already. I hardly noticed the time fly by. (*Pause. PINYE enters, a tall, strong, forty-year-old man, in workman's clothes, hands filthy and face very sweaty.*)

PINYE: (*Throws his coat down as he comes in. Cheerfully.*) Good evening, all! Good evening!

ALL: Good evening!

ROKHELE: Good evening, *papinka*. (*She helps him take off the coat, hanging it up on the door of the bedroom.*)

PINYE: (*Rolls up his sleeves.*) How's it going, Berke? You're already quite the guest around here! Seems to me, it's been years since you were here last. What's new with you?

BERKE: What can I say, Pinye? Here, I've brought you some fermented apples to try. Just opened the cask today!

PINYE: Very fine of you, Berke! Thanks, thanks. (*To ROKHELE.*) Will you pour for me, Rokhl?

ROKHELE: Why not? (*Pause. ROKHELE pours water for PINYE as he washes his hands. FREYDE brings something in from the kitchen, serving it on plates, whispers something in CHAVA's ear. CHAVA wipes her face, trying to look more cheerful. BERKE takes another apple, then sits on another bench, not by the table. PINYE finishes washing his hands, and ROKHELE leaves with the pitcher and dish of water. She comes right back and sits at the table.*)

PINYE: (*Wipes his hands.*) The air outside right now is so fresh and nice, it's a real joy! On the way here from the factory there was a cool breeze blowing—it touched this tired soul and stirred up a strong, healthy appetite. (*He sits at the table.*)

BERKE: *Nipritshkem*,[1] may such a thing never happen to a poor man.

FREYDE: Why? He can have an appetite, there's a good meal!

CHAVA: Pray things stay this good for us.

---

[1] Berke's catchphrase is a word of Slavic origin meaning "on another note," and can also be used as a synonym for lehavdl ("excuse the comparison"). Berke uses it everywhere.

PINYE: Whatever's here will have to suffice! Say, Berl, would you like to eat with us?

FREYDE: Why not? Come on, Berke! (*She puts another setting at the table.*)

BERKE: No, no! Enjoy your meal! I won't eat.

FREYDE: (*Portions out food.*) Come on, Berl! You won't get in our way.

CHAVA: Thank His good name, there's enough!

BERKE: Well, if you ask me like that, I won't refuse. (*He sits at the table.*) Like the goy says, *nipritshkem…*

PINYE: (*Finishing his sentence.*) *Kol-zman shehaneshome bekirbi*, get that into you, brother.[2] (*Everyone laughs. Berke starts eating with gusto.*) Tell me, Berke, do you remember what a dinner like this was called back in our day, when we were still just little kids?

FREYDE: (*Surprised.*) What do you mean, what a dinner like this was called? A dinner's a dinner.

BERKE: (*Chews with a full mouth. To FREYDE.*) Ah, a dinner's a dinner, who doesn't know that? But this kind of dinner had a name, you know?

PINYE: Oh, yes, *this* dinner had a name.

FREYDE: It's broth. You can see that, can't you?

PINYE: Hear that, Berke, this is broth! (*To FREYDE.*) Thanks for the information!

BERKE: (*Finishes his chewing with effort.*) A soup's a soup, but what kind of soup?

PINYE: (*To FREYDE.*) You don't know, you really don't? Then I'll tell you: this kind of soup is called "lungkavke, spleenke and intestinke."

BERKE: Because it's nothing but lung, spleen and intestines. (*Everybody laughs.*)

FREYDE: (*Confused.*) What deep wisdom! What should one eat then, seeing as meat's so expensive? Twenty-eight kopecks a pound, and it's more bones than meat!

PINYE: (*With an apologetic tone.*) It's nothing, my dear, I'd bet a pretty penny that our emperor himself doesn't eat such good soup!

---

[2] A Hebrew quotation from the beginning of the daily liturgy, meaning "as long as there is breath in my body."

BERKE: My word, no! My word, no indeed! (*He continues to eat.*)

PINYE: (*Notices that Chava isn't eating.*) *Mamenyu* dear, why are you sitting there like a guest at your own table? You've eaten nothing!

CHAVA: (*Without appetite.*) What? I'm eating, I'm eating!

PINYE: (*To FREYDE.*) Freyde, how many times have I asked you to give mama her food in time? She should enjoy her dinner and rest in her room. (*To CHAVA.*) Listen, *mamenyu*, please, don't wait for me to eat, because I'll get frustrated with you. Really, I'll be mad.

FREYDE: What are you hitting her over the head with it for? (*Bitterly.*) May your brother, the rich man, enjoy his wealth like she enjoys her food.

PINYE: (*More shocked by FREYDE's tone than by her declaration.*) Freyde!!

FREYDE: (*Justifies herself.*) You haven't noticed, then, that your mother's been nearly sick since this Sunday?

PINYE: What are you talking about, Freyde? (*He puts the food away quickly, goes over to CHAVA.*) God forbid! Do you feel alright, *mamenyu*, should I bring a doctor? (*CHAVA doesn't answer.*)

FREYDE: Truly, I ask you once again, have you ever heard of a son not inviting an aging mother to his birthday celebration? (*CHAVA lets out a terrible moan.*)

PINYE: Oy, woe! (*Wipes her eyes.*) Don't cry, *mamenyu*. I beg you, don't cry, don't cry! So he hasn't asked you? Well, so what! Do you need to make a tragedy out of it?

BERKE: He didn't think to send a carriage, with four pairs of horses straining at the reins, and look how mad they get. What a little thing!

PINYE: But he did think today to inform all the workers in the factory that our wages would be cut. And that he would, from now on, pay us ten percent less.

BERKE: This, *nipritshkem*, is also nothing.

FREYDE: (*sarcastically*) That from the generous wages which he was paying you already!

PINYE: Well, better wipe down the table. (*ROKHELE and FREYDE obey him.*) All the workers are gathering here soon to figure out what to do. Imagine, even Misha

(*ROKHELE becomes attentive*), his own son, is furious with him. And he's coming here to help however he can.

ROKHELE: That's so kind of him. Isn't it, *papasha*?

PINYE: You said so yourself, you little thief, you. You don't need to ask me. (*CHAVA sighs. He hears her.*) Oh, enough with the sighing. Believe me, *mamenyu*, the joy I would've experienced at that feast doesn't compare to the pain I get from your groaning. You know, *mamenyu*, this isn't the first and won't be the last injustice he's done to you, to me and to the others. And seeing as until now we've forgiven him for everything else, let's forgive him for this too.

CHAVA: I forgive him, my child, I forgive him! But aren't I also a mother?

BERKE: Like the goy says, *nipritshkem*: "*Mamina serdtse nie holyave*," [3] a mother's heart is no cider apple! It aches!

FREYDE: Let me ask you one thing: how hard would it be for God to make us rich, or make him a pauper like us?

PINYE: (*Annoyed.*) Oy, oy, Freyde, it's a sin, it's a sin to talk this way! Trust me, the rich man is never happy with his riches, and the poor man isn't always so unhappy with his poverty. (*To everyone.*) You hear, it seems to me that a man's happiness lies only within himself. In what he is and what he does. Many times I've thought to myself that, for instance, I, as poor as I may be, am as rich as the whole world with my good and loyal wife and with my beautiful, clever, gifted daughter. (*They go over to him, he takes them both in and presses them to his heart.*) And I feel so happy that I am, thank God, healthy and strong, and I'm lucky to have the vitality to work and earn for my loved ones. (*He kisses them both and lets them go. They stand by his side.*) When I come home from the factory in the evening a tired, exhausted man, and I hear the nightingale singing so sweetly in the woods, you know, it seems to me that it's singing me an ode to my honest work. And when the breeze brushes my face and cools the sweat from my brow, I open my mouth wide and breathe in the fresh air so eagerly, so hungrily, and it seems to me–no–I believe, you hear, I believe that God, the great Creator of the Universe, made the breeze for my sake, just for me. The harder I work, the sweeter the bread I eat. The more tired I am, the more rewarding is my rest. When I provide for you, my wife and daughter, I'm a *bal-tsedoke*, a charitable man. When I care for my mother, may she live to see Moshiach, I'm adhering to His great commandment to respect thine elders. I know, God forbid, I have no begrudgers, no false smiles and charlatans around me. My poor brother doesn't feel shame before me, because I do right by him as by anyone else. *Gotenyu, tatenyu*! Right here, in this family, I'm a king! My healthy little home is my kingdom! My hard, honest labor is my wealth, my treasure! Give me health

[3] "A mother's heart isn't tough like work boots" (Russian).

and strength, *Gotenyu*, so I can keep working, keep toiling, to feed my family honorably, there's nothing more I ask, nothing more I need!

ROKHELE: My sweet, noble papinke! (*She embraces and kisses him; he kisses her in return.*)

FREYDE: (*At the same time.*) It's easy to say that we need nothing else. If only, *Gotenyu*, you would give us what we still lack!

BERKE: It's just like the goys say, *nipritshkem…*

PINYE: (*Cuts him off.*) *Eyzehu oshir? Hasomeyekh bekhelkoy*.[4]

BERKE: Here, here. That's it exactly! There's lungkavke with spleenke, fill up, poor beggar, your intenstinkes! (*All except CHAVA, who has drifted off to sleep by now, laugh*). Well, I've already overstayed my welcome. (*Picks up his cane.*) Picture this, brother: between us, I'm the greater pauper, oh, oh, at my house the poverty just whistles through every corner, it cries out for help! Look, you already have, no evil eye, a daughter—a peach. You'd need to have a lot just to provide for her. But I, brother, have six little monsters to take care of, and they all want trousers, shoes, coats, and food, they're desperate for them. Of course, if Fonye the Thief had let me stay with my family in the village, it'd be altogether different.[5] But (*looking around*) to hell with Fonye and the village both. God will help me too, He has to. Well, have a good night! Good night!

ROKHELE: Good night, Uncle Berke!

PINYE: Good night. Say hello to Mirke and the children.

FREYDE: (*Goes with him to the door.*) Tell Mirke that I'll see her for Shabbos, God willing.

PINYE: (*Notices that CHAVA is asleep.*) Just look, Freyde, how poor mother fell asleep just sitting there. (*To Rokhele.*) Hey, Rokhele, go make your grandmother's bed.

ROKHELE: Right away, papa. (*Exit.*)

PINYE: Here, Freyde. Let's wake up mama and we'll take her to her nook. (*Wakes up CHAVA.*) Mama, *mamenyu*, please, get up and go to bed. (*CHAVA gets up. Yawns and groans.*) Come, come, *mamenyu*! (*He and FREYDE lead her very gently, while Rokhele comes back in.*) Is it already set up, Rokhele?

---

[4] A Hebrew platitude from the mishnaic tractate *Ethics of Our Fathers* 4:1: "Who is rich? One who is happy with his lot."

[5] Fonye *ganef* (Fonye the Thief) was a disparaging name for the Czar, or the Russian state in general. The context implies that Berke was conscripted.

ROKHELE: Yes, *papasha*. (*They leave with CHAVA. ROKHELE goes to the little table and picks up a small book, but just as she opens it, she hears a brief, light knock on the door. MISHA, a young man of twenty-one dressed like a student, enters*.)

MISHA: (*Comes in, speaks quickly*.) Ach, *zdavstvay*[6], Rokhele, *moya dorogaya*[7]! (*He grabs her quickly by the hand, draws her in and kisses her before she can say a word*.)

ROKHELE: (*Overjoyed*.) Oh, Misha! I've been so impatient waiting for you, I knew that you had to come.

MISHA: And now that I'm here and we're alone, tell me, how have you been and how have you passed the time since we saw each other this evening?

ROKHELE: The usual. I read, and I thought about you.

MISHA: Really? But which of the two did you do more of?

ROKHELE: Ha ha! Should I tell you the truth? (*She takes both his hands*.)

MISHA: Only the purest, truest truth. (*He pulls her closer*.)

ROKHELE: (*Lays her head on his chest*.) Misha, I think of you more than I read, and more than everything. Yes, because even when I'm deeply, totally, totally immersed in reading, you pop into my head, and I think about you so much, so long…

MISHA: Ha, ha! I'm afraid something here isn't so kosher. We need to do something about that. But to tell you the truth, Rokhele, I keep on thinking of you day and night. And every time I think of you, I feel so good, so sweet and so fine… (*He hugs and kisses her, and just as they let each other go, PINYE comes back*.)

PINYE: Ah, Misha, good evening!

MISHA: (*First embarrassed, then more bold*.) Good evening, Uncle, good evening. How're you doing, very well I hope? Here I am, uh…

PINYE: Misha, you're a brave man, a man of his word!

MISHA: (*Looks stealthily at Rokhele*.) Uncle, you know that I'm always prepared to do something for our workers, and so I've come.

PINYE: (*Looks with understanding at Rokhele*.) Yes, yes, that's why you've come! (*He hears knocking, and voices behind the door*.) Come in! Come in! (*WORKERS and various people enter*).

[6] "Hello" (Russian).
[7] "My darling" (Russian).

ALL: (*Entering.*) *Zdravstvoytie! Dobri vetsher*![8] Good evening! Good evening! (*Some shake hands with MISHA and PINYE.*)

PINYE: *Dobri vetsher! Dobri vetsher!* Good evening, friends! You've come at the right time. Well, my friends, you all see who's here, don't you? Misha, our friend, Misha! Yes, my friends, Misha is our ally and he's come to help us in every possible way.

WORKERS: Why not? *Potshemu nyet*?[9] Very fine!

MISHA: You all know well that I am your friend and that's why I've come this evening. Unfortunately, my father thinks, like all rich people do, that his workers live from his pocket, but I say the opposite. And therefore I'm prepared to help you carry out whatever you think best, and to improve your lot.

PINYE: You hear him, eh? You hear those words?

WORKERS: Excellent! Thank you, thank you! *Spasibo*![10]

PINYE: Now, my friends, I'll slowly shut the windows and the door, so that no son of Adam will hear or see what we're up to.

(*Pause. The WORKERS talk amongst themselves, some silent, some nonchalant, some heated and motioning with their hands. MISHA and ROKHELE talk with one another quietly in the niche near the dresser. PINYE first shuts the windows and then goes to the door which leads to the street.*)

(*The door bursts open, and in comes DOVID, a fifty-year-old man with a great beard, bourgeois, very elegantly dressed, and TSINDMAN, a young man, twenty-five years old with very sharp eyes, which dart from person to person with purpose. He is dressed for doing business.*)

ALL: (*Completely astonished, many calling out.*) Them?! Here?! (*One WORKER promptly positions his collar to hide his face and dashes out.*)

TSINDMAN: (*Comes in, promptly casting his gaze upon those around him. To DOVID.*) Well, Herr Kuper, see for yourself, I know what's going on. Here we have all the laborers!

DOVID: (*Shaking his head in agreement.*) Yes, yes, alas, I see! (*At that moment FREYDE returns from the bedroom and then spots DOVID, so she hurries to bring the stool that was near to the door closer to him*)

[8] "Hello all! Good evening" (Russian).
[9] "Why not?" (Russian).
[10] "Thank you" (Russian).

FREYDE: Look at that, a guest! Sit, brother-in-law dear!

PINYE: (*Coolly takes the stool back from FREYDE and speaks under his breath.*) A man who comes to one's home without so much as a "good evening," with a dark look across his face, doesn't need to be shown hospitality. (*He puts the stool back in its place*).

DOVID: (*Ironically.*) You, you, there's no need to be so haughty! I didn't come to visit, and I don't expect your hospitality. I just came to convince myself of what was going on here.

PINYE: I'm the man of this house, and whatever happens here has my blessing!

TSINDMAN: (*Has been looking the whole time at MISHA and ROKHELE.*) Well, Herr Kuper, what did I say? Just look, he's the chief mutineer. Trust me, all the unrest in the factory can be traced to him. Your son, Misha, is with them too. *(Points him out.)*

DOVID: (*Astonished.*) Who? Where? (*Spots him.*) Misha, what are you doing here?

MISHA: (*Boldly.*) I don't understand, don't I have a right to visit my uncle?

DOVID: Misha, are you then also among my enemies?

MISHA: Certainly not, papasha. I am only among my friends!

TSINDMAN: (*Quietly.*) They meant to hold a meeting, which is forbidden by law, and if you allow it, Herr Kuper, I'll call the police immediately. *(Some workers slip out.)*

DOVID: Yes, Tsindman, the police must be summoned, when even my own flesh and blood falls into their clutches. (*They head for the door.*)

PINYE: (*Instantly agitated, blocking the way, barely controlling himself, threatening with his fist.*) And even if it's my own flesh and blood, anyone who comes here as a spy and provocateur won't leave here alive!

DOVID: (*Amazed, steps back angrily.*) What? You would raise your hand against me? So, not for nothing have I always felt such ill will towards you. Despite always having work in my factory, you've been my enemy from the start, and have always begrudged me for my fortune. Now you would rile up my workers against me? That's how you thank me for my bread and salt, you dirty beggar?! ...

PINYE: (*Deeply insulted, shocked.*) Hold your tongue! (*On the verge of attacking him.*)

FREYDE: Pinye, Pinye, what are you doing?

ROKHELE: (*At the same time*.) Papa! *Papasha*! Calm down!

MISHA: (*At the same time, to DOVID*.) *Papasha*, what's with you? Why these gratuitous insults? (*DOVID steps away from him, steps closer to TSINDMAN*.)

TSINDMAN: (*To DOVID, quietly*.) Let's report this to the police.

PINYE: (*Controlling himself, breathing hard, looks with contempt at DOVID*.) I won't dirty my hands with him. *(Ironically and angrily.)* Of course I'm the dirty beggar, he's the rich man, and I take his bread and salt. *(Turning darkly, suddenly, to DOVID.)* What is it, your Grace, Herr Manufacturer, was it that I got your charity for nothing? Did I not do your bitter, arduous factory work from sunrise to sunset? (*Motions to FREYDE, ROKHELE, and the others*.) Look, people, look, hands covered with calluses; look at these swollen veins, the marks of hard, exhausting toil, and what more do I get than bread and salt? And it's all his, of course! (*FREYDE is crying*.) Oy, my wife, my child, people, you feel the pain, as your heart bleeds from these words? And who did I hear them from–my own older brother. (*Throws a scornful look at DOVID, steps away from him*.) No! No! No! Where there's a question of bread and salt, there's no brother, no sister, no friend, it all stops there. (*Capitulating to DOVID*.) Yes, Herr Kuper, it's true! You see, you are a wealthy, gracious Herr Manufacturer, while I am your poor, subservient slave, we are enemies, on opposite sides! But here, Herr Kuper, I am the man of the house, and poor as I am–I still have pride enough to tolerate you. (*Opens the door roughly*.) Go, I'm ashamed of you.

DOVID: (*indignant*) Hm… so that's the end of it! (*Goes to the door*.) From today on you're no brother of mine; a stranger, a foundling! And you should know that you won't work another day in my factory, and your foot had better not cross my doorstep.

TSINDMAN: (*Follows him, threatens*.) Hmpf… I'd have them all arrested. (*Exit. The last few WORKERS exit as well.*)

MISHA: (*Terribly angry*.) Uncle, I beg you, uncle, calm down and forget everything that happened just now. I'll go after him, I'll talk with him, explain everything, make everything alright again. (*To ROKHELE*.) Rokhele, I'll come here as soon as possible. Good night, good night!

ROKHELE: Good night, Misha. (*MISHA exits. She follows him to the door*.)

# געלט

(עס הערן זיך טריט)

פֿריידע (קוקט אַרויס דורכן פֿענצטער רעכטס): אָט קומט שוין פּיניע אַהיים. כ'האָב גאָר ניט באַמערקט ווי די צײַט איז אַוועק. (פּויזע. פֿון דרויסן קומט אַרײַן פּיניע, אַ 40-יאָריקער, הויכער, געזונטער מאַן, אין אַרבעטער־קליידער, די הענט פֿאַרשמירט און דאָס געזיכט שטאַרק פֿאַרשוויצט).

פּיניע (ציט אַראָפּ דעם ראָק גלײַך ווי ער קומט אַרײַן. גוטמוטיק): אַ גוטן אָוונט אײַך אַלע! אַ גוטן אָוונט!

אַלע: גוטן־אָוונט, גוט־יאָר!

רחלע: גוטן־אָוונט דיר, פּאַפּינקע. (זי העלפֿט אים אַראָפּציִען דאָס רעקל, הענגט עס אויף הינטער דער טיר פֿון שלאָפֿצימער).

פּיניע (פֿאַרקאַטשעט די אַרבל): וואָס טוסטו עפּעס, בערקע? דו ביסט שוין בײַ אונדז אַ שטאַרקער גאַסט! מיר דאַכט, ס'איז שוין אַ קאַסע מיט יאָרן זינט דו ביסט דאָ געווען. וואָס הערט זיך בײַ דיר?

בערקע: וואָס זאָל זיך הערן, פּיניע? אָט האָב איך אײַך געבראַכט פֿרישע קוואַסניצעס צו פֿאַרזוכן. ערשט הײַנט געעפֿנט אַ פֿעסל.

פּיניע: זייער שיין פֿון דיר, בערקע! אַ שיינעם דאַנק דיר! (צו רחלען) וועסט מיר אויפֿגיסן, רחל?

רחלע: פֿאַר וואָס ניט? (פּויזע. פּיניע וואַשט זיך די הענט, ווערנד רחלע גיסט אים אויף דאָס וואַסער. פֿריידע ברענגט אַרײַן עסן פֿון קיך, צעטיילט אין די טעלער. רוימט עפּעס אײַן חוהן אויפֿן אויער. די לעצטע באַווישט זיך דאָס געזיכט, פֿלײַסט זיך אויסצוזען מונטערער. בערקע נעמט ווידער אַן עפּל, זעצט זיך אויף אַן אַנדער בענקל, ניט בײַם טיש. פּיניע ווערט פֿאַרטיק מיטן וואַשן, און רחלע גייט אָפּ מיט דער קרוג און שיסל וואַסער. קומט באַלד צוריק און זעצט זיך בײַם טיש).

פּיניע (ווישט זיך די הענט): הערט איר, אין דרויסן איז די לופֿט אַצינד אַזוי גוט און פֿריש — אַ פֿאַרגעניגן! אויפֿן גאַנג פֿון דער פֿאַבריקע אַהער בלאָזט אַ קיל ווינטעלע, וואָס דערקוויקט דאָס פֿאַרשמאַכטע האַרץ און רייצט אַ שטאַרקן, געזונטן אַפּעטיט! (זעצט זיך צום טיש).

בערקע: ניפּריטשקעם, ניט פֿאַר קיין קבצן געדאַכט!

פֿריידע: פֿאַר וואָס? ער מעג האָבן אַפּעטיט, ס'דאָ אַ גוטע וועטשערע!

חוה: ניט צו פֿאַרזינדיקן, הלוואַי אויף תּמיד ניט ערגער.

פּיניע: דאָס וואָס איז דאָ וועט מוזן זײַן גענוג! זאָג נאָר, בערל, וועסט אפֿשר אויך מיטעסן?

פֿריידע: פֿאַר וואָס ניט? קום, קום, בערקע! (שטעלט נאָך געשיר אויפֿן טיש).

בערקע: ניין, ניין! עסט געזונטערהייט! איכ'ל ניט עסן.

פֿריידע (טיילט אָפּ): קום, קום, בערל! וועסט אונדז גאָרניט קאַליע מאַכן.

חוה: אַ דאַנק זײַן ליבן נאָמען, ס'דאָ געבוג צו עסן!

בערקע: מילא, אַז איר בעט מיך יאָ אַזוי שטאַרק וועל איך אײַך ניט אָפּזאָגן... (זעצט זיך צום טיש). איך זאָג ווי דער גוי, ניפּריטשקעם...

פּיניע (כאַפּט אונטער): כּל־זמן שהנשמה בקרבי, רוק ברודער! (אַלע לאַכן. בערקע עסט מיט אַ שטאַרקן אַפּעטיט). זאָג מיר נאָר, בערקע, דו געדענקסט ווי אַזוי אַזאַ וועטשערע האָט געהייסן אין אונדזערע יאָרן, ווען מיר זענען נאָך געווען יונגע קינדער?

פֿריידע (פֿאַרוווּנדערט): וואָס הייסט ווי אַזוי אַזאַ וועטשערע הייסט? אַ וועטשערע איז אַ וועטשערע.

בערקע (קײַענדיק מיט אַ פֿול מויל, צו פֿריידען): אַ, אַ וועטשערע איז אַ וועטשערע, ווער ווייסט דאָס דען ניט? אָבער די וועטשערע האָט דאָך אַ נאָמען?

פּיניע: יאָ, יאָ, עס האָט דאָך אַ נאָמען, די וועטשערע?

פֿריידע: איר זעט דאָך, אַז דאָס איז אַ ראָסל?

פּיניע: דו הערסט, בערקע, דאָס איז אַ ראָסל! (צו פֿריידען) אַ דאַנק דיר פֿאַר די נײַעס.

בערקע (ענדיקט שווער דאָס קײַען): אַ ראָסל ווי אַ ראָסל, אָבער וואָס פֿאַר אַ ראָסל, אַ?

פּיניע (צו פֿריידען): דו ווייסט ניט, אַיאָ ניין? אויב אַזוי וועל איך דיר זאָגן: אָט אַזאַ מין ראָסל הייסט „לונגאָוועקע“, „מילצאָוועקע“ און „קישקאָוועקע“.

בערקע: ווײַל ער איז פֿון לויטער לונג, מילץ מיט קישקעלעך! (אַלע לאַכן)

פֿריידע (קאָנפֿיוזד): אַ געוואַלדיקע חכמה! וואָס דען זאָל מען עסן, אַז פֿלייש איז אַזוי טײַער? 28 קאָפּיקעס אַ פֿונט, מער ביינער איידער פֿלייש?

פּיניע (מיט אַזאַ טאָן, אַזוי ווי ער וואָלט זי וועלן איבערבעטן): נישקשה ניט, מײַן ווײַב, איך וועל וועטן אַ גאַנצן פּיאַטאַק, אַז אונדזער קיסר אַליין עסט אויך ניט אַזאַ ראָסל!

בערקע: אויף מײַן וואָרט אַז ניין! אויף מײַן וואָרט אַז ניין! (עסט ווײַטער).

פּיניע (באַמערקט, אַז חוה עסט ניט): מאַמעניו־לעב, עפּעס זיצסטו דאָך ווי אַ גאַסט בײַם טיש? דו עסט דאָך גאָרנישט!

חוה (אָן אַפּעטיט): פֿאַר וואָס? איך עס! איך עס!

פּיניע (צו פֿריידען): באַרעכן אָבער, פֿריידע, וויפֿל מאָל האָב איך דיך שוין געבעטן אַז דו זאָלסט דער מאַמען געבן איר עסן אין צײַט. זאָל זי זיך אָפּעסן איר וועטשערע געזונטערהייט, און גיין אין איר צימער אַרײַן זיך אָפּרוען. (צו חוהן) הערסטו, מאַמעניו, איך בעט דיך, אַז דו זאָלסט מער אויף מיר ניט וואַרטן מיטן עסן, וואָרעם איך וועל אויף דיר ברוגז זײַן. כלעבן, כ'וועל אויף דיר ברוגז זײַן.

פֿריידע: וואָס קלאַפּסטו איר אין קאָפּ אַרײַן מיטן עסן! (בייז) ס'זאָל דײַן ברודער, דעם נגיד, אַזוי באַקומען זײַן נגידישאַפֿט ווי עס באַקומט איר דאָס גאַנצע עסן.

פּיניע (דערשטוינט פֿון פֿריידעס טאָן מער ווי פֿון איר קללה): פֿריידע!!

פֿריידע (זיך פֿאַרענטפֿערנדיק): דו באַמערקסט דען ניט, אַז די מאַמע איז כּמעט קראַנק פֿון זונטאָג אָן?!...

פּיניע: וואָס רעדסטו פֿריידע? (לייגט שנעל אַוועק דאָס עסן, גייט צו צו חוהן). חלילה־וחס! פֿילסט זיך עפּעס ניט מיט אַלעמען, מאַמעניו, זאָל איך דיר ברענגען אַ דאָקטער? (חוה ענטפֿערט ניט).

פֿריידע: אַדרבא, כ'פֿרעג דיך, דו האָסט שוין אַ מאָל געהערט, אַז אַן אייגענער זון זאָל ניט איינלאַדן אַן אַלטע מאַמע צו זײַן געבורטסטאָג־סעודה? (חוה ברעכט אויס אין אַ העפֿטיקן געוויין).

פּיניע: אוי ווײ מיר ניט געשען! (ווישט איר אויס די אויגן) וויין ניט, מאַמעניו! איך בעט דיך וויין ניט, וויין ניט! האָט ער דיך ניט געבעטן! נו, איז ניט! דאַרפֿסטו דיר מאַכן אַזאַ צער דערפֿון?

בערקע: זיי זענען שטאַרק ברוגז אויף אים פֿאַר וואָס ער האָט פֿאַרגעסן צו שיקן נאָך זיי אַ קאַרעטע מיט פֿיר פּאָר פֿערד געשפּאַנט נאַשפּיץ! עפּעס אַ קלייניקייט!

פּיניע: דערפֿאַר האָט ער אָבער ניט פֿאַרגעסן הײַנט צו לאָזן וויסן אַלע אַרבעטער אין דער פֿאַבריקע, אַז אונדזערע שׂכירות וועט געשניטן ווערן. און אַז ער וועט אונדז פֿון הײַנט אָן צאָלן מיט צען פּראָצענט ווייניקער.

בערקע: דאָס איז, ניפּריטשקעם, אויך אַ קלייניקייט!

פֿריידע: מישטיינס געזאָגט די גרויסע שׂכירות וואָס מע קריגט בײַ אים!

פּיניע: נו, רוימט בעסער אַראָפּ פֿון טיש. (רחלע און פֿריידע פֿאָלגן אים). אַלע אַרבעטער וועלן זיך אַהער באַלד צונויפֿקומען און מיר וועלן זיך באַראַטן וואָס צו טאָן. שטעלט זיך פֿאָר, אַז אַפֿילו מישאַ, (רחלע ווערט אויפֿמערקזאַם) זײַן אייגענער זון, איז אויך שטאַרק אויפֿגעבראַכט קעגן אים. און ער האָט מיר פֿאַרשפּראָכן אַהער צו קומען און מיר דאָ צוהעלפֿן מיט ראַט און טאַט.

רחלע: דאָס איז זייער שיין פֿון אים. ניט אמת, פּאַפּאַשאַ?

פּיניע: דו זאָגסט דאָך אַליין, דו גנבֿטע דו! דאַרפֿסטו מיך ניט פֿרעגן? (חוה זיפֿצט. ער דערהערט דאָס). נו, הער שוין אַ מאָל אויף צו זיפֿצן. גלויב מיר, מאַמעניו, אַז איך האָב פֿיל מער יסורים פֿון דײַנעם איין קרעכץ, איידער איך וואָלט געהאַט פֿאַרגעניגן פֿון זײַן סעודה. דו ווייסט דאָך, מאַמעניו, דאָס איז ניט די ערשטע און ניט די לעצטע עוולה וואָס ער טוט קעגן דיר, קעגן מיר און קעגן אַנדערע. און אַז מיר האָבן אים ביז אַצינד אויף אַלעמען מוחל געווען, דאַרפֿן מיר אים דערפֿאַר אויך מוחל זײַן!

חוה: איך בין אים מוחל, מײַן קינד, מוחל! אָבער אַ מאַמע בין איך דאָך?

בערקע: ווי זאָגט דער גוי, ניפּריטשקעם: „מאַמינאַ סערדצע ניע כאָליאַווע", אַ מאַמעס האַרץ איז ניט אַ קוואַסניצע! ס'טוט ווײ!

פֿריידע: איך פֿרעג אָבער איין זאַך: וואָס וואָלט געאַרט דעם רבונו־של־עולם, ווען מיר וואָלטן אויך געווען רײַך, אָדער ער זאָל זײַן אַ קבצן גלײַך מיט אונדז?

פּיניע (געערגערט): אוי, אוי, פֿריידע, דו זינדיקסט, דו זינדיקסט מיט די רייד! גלויב מיר, אַז דער רײַכער איז קיין מאָל ניט גליקלעך מיט זײַן רײַכטום אַליין און דער אָרעמאַן איז ניט תּמיד אומגליקלעך איבער זײַן אַרמוט אַליין. (צו אַלעמען) איר הערט, מיר ווײַזט זיך אויס, אַז אַ מענטשנס גליק ליגט אין אים אַליין. אין דעם וואָס ער איז און אין דעם ווי ער פֿירט זיך אויף. אָפֿט מאָל טראַכט איך מיר, אַז למשל, איך, ווי אָרעם איך בין, בין איך דאָך רײַך ווי די גאַנצע וועלט מיט מײַן גוט און געטרײַ ווײַב און מיט מײַן שיין קלוג געראָטן טעכטערל. (זיי גייען צו אים צו, ער נעמט זיי ביידן אַרום און דריקט זיי צו צום האַרצן). און איך פֿיל זיך אַזוי גליקלעך דערמיט וואָס איך בין, דאַנקען גאָט,

געזונט און שטאַרק, און איך בין בכּוח צו אַרבעטן, אײַך מײַנע טײַערע צו דערנערן. (ער קושט זיי ביידע און לאָזט זיי אָפּ, זיי צעגייען זיך בײַ די זײַטן). ווען איך גיי פֿאַר נאַכט אַהיים פֿון דער פֿאַבריקע, אַ מידער, אַ פֿאַרשמאַכטער און איך הער דעם סאָלאָוויי זינגען שיין אין וואַלד, ווײַזט זיך מיר אויס, אַז דאָס זינגט ער אַ לויבגעזאַנג צו מיר פֿאַר מײַן ערלעכער אַרבעט. און ווען דאָס ווינטעלע בלאָזט מיר אַנטקעגן אין פּנים אַרײַן און קילט אָפּ די גרויסע שווייסטראָפּנס פֿון שטערן, עפֿן איך ברייט דאָס מויל און אָטעם אײַן די פֿרישע לופֿט אַזוי גערן, אַזוי זשעדנע און עס דאַכט זיך מיר, ניין איך גלויב, איר הערט, איך גלויב, אַז דאָס האָט גאָט, דער גרויסער בורא־עולם, באַשאַפֿן דאָס ווינטעלע פֿון מײַנעט וועגן, נאָר פֿון מײַנעט וועגן. וואָס שווערער איך אַרבעט אַלץ זיסער איז דאָס ברויט וואָס איך עס. וואָס מידער איך בין, אַלץ געשמאַקער איז מײַן שלאָף און רו. ווען איך דערנער דיך, מײַן ווײַב מיט מײַן טעכטערל, בין איך דאָך שוין אַ בעל־צדקה! ווען איך האַלט בײַ זיך די מאַמען, משיחן זאָל זי דערלעבן, בין איך דאָך מקיים די גרויסע מיצווה פֿון כּיבוד־אם. איך ווייס, אַז איך האָב חלילה ניט קיין שׂונאים, קיין ניט־פֿאַרגינער, שמייכלער און באַטריגער אַרום מיר. מײַן אָרעמער ברודער שעמט זיך מיט מיר ניט, ווײַל איך טו קעגן אים ווי קעגן אַנדערע קיין אומרעכט ניט! גאָטעניו, טאַטעניו! אָט דאָ, אין דעם קליינעם שטיבעלע בין איך מיר אַ מלך! מײַן קליין הויזגעזינד איז מײַן קיניגרײַך! מײַן שווערע ערלעכע אַרבעט איז מײַן פֿאַרמעגן, מײַן אוצר! שענק מיר נאָר, גאָטעניו, געזונט מיט כּוח, אַז איך זאָל קענען ווײַטער אַרבעטן, ווײַטער האָרעווען, צו דערנערן מײַן הויזגעזינד בכּבֿוד, מער וויל איך ניט! מער דאַרף איך ניט!

רחלע: מײַן גוטער, ערלעכער פּאַפּינקע! (אומאַרעמט אים און קושט אים, ער קושט איר צוריק).

פֿריידע (אין דער זעלבער צײַט): ס'רעדט זיך נאָר אַזוי, אַז מען דאַרף ניט מער. הלוואַי, גאָטעניו, גיסטו אונדז, וואָס אונדז פֿעלט נאָך!

בערקע: דאָס איז פּונקט ווי דער גוי זאָגט, ניפּריטשקעם...

פּיניע (כאַפּט אונטער): איזהו עשיר — השׂמח בחלקו.

בערקע: אָט, אָט, אָט דאָס איז עס! עס איז דאָ לונגאָווקע מיט מילצאָווקע, פֿאַרשטאָפּ, קבצן, די קישקאָווקע! (אַלע אויסער חוהן, וועלכע האָט אין דער צײַט אײַנגעדרימלט, לאַכן). נו, איך האָב זיך שוין דאָ צו פֿיל פֿאַרכאַלאַפּאָטשעט. (נעמט דעם שטעקן). מאָל דיר, ברודער, צווישן אונדז ביידע בין איך דער גרעסערער דלות, אָ, אָ, דער דלות סווישטשעט בײַ מיר אין די ווינקעלעך, פּאָפּראָסטו ער שרײַט קאַראַול! אמת, דו האָסט שוין, אָן אַן עין־הרע, אַ מויד — אַ צימעס. מען דאַרף צו איר אַ סך האָבן. איך, אָבער, ברודער, האָב זעקס פּיפּערנאָטערלעך, און אַלע ווילן הייזעלעך, שיכעלעך, רעקעלעך, און עסן, אַז דער רוח נעמט זיי שיִער צו! אַוודאי, ווען פֿאָניע גנבֿט לאָזט מיך זיצן מיט מײַן פֿאַמיליע אין דאָרף וואָלט אַנדערש געווען. נאָר (קוקט זיך אום), איך האָב פֿאָניען אין דר'ערד מיטן דאָרף אין איינעם! גאָט וועט מיר דאָ אויך מוזן העלפֿן! נו, האָט מיר אַ גוטע נאַכט! אַ גוטע נאַכט!

רחלע: אַ גוטע נאַכט, פֿעטער בערקע!

פּיניע: אַ גוטע נאַכט. גריס מירקען מיט די קינדערלעך.

פֿריידע (גייט אים נאָך צו דער טיר): זאָג מירקען, אַז מירטשעם שבת וועל איך בײַ איר זײַן. (בערקע אָפּ).

פּיניע (באַמערקט חוהן שלאָפֿן): זע נאָר, פֿריידע, ווי די מאַמע איז נעבעך אַנטשלאָפֿן געוואָרן אַזוי זיצנדיק. (צו רחלען) אַנו, רחלע, גיי מאַך דער באָבעס געלעגער.

רחלע: גלײַך, פּאַפּאַ! (אָפּ).

פּיניע: אַצינד קום, פֿריידע, זײַ אַזוי גוט. לאָמיר אויפֿוועקן די מאַמע און מיר וועלן זי אַרײַנפֿירן אין איר אַלקער אַרײַן. (וועקט חוהן). מאַמע, מאַמעניו, זײַ זשע מוחל, שטיי אויף און גיי שלאָפֿן אין דײַן ספּאַלניע. (חוה ראַזדרעכעט זיך. גענעצט און קרעכצט). קום, קום, מאַמעניו! (ער און פֿריידע נעמען זי פֿירן זייער צערטלעך, ווערנד רחלע קומט צוריק אַרײַן זיי אַנטקעגן). ס'איז שוין געבעט, רחלע?

רחלע: יאָ פּאַפּאַשאַ. (זיי גייען אָפּ מיט חוהן און רחלע גייט צו צום טישל, נעמט אַ ביכל אין האַנט, אָבער אַזוי ווי זי עפֿנט עס נאָר, הערט זיך אַ לײַכטער, קורצער קלאַפּ אין טיר און באַלד קומט אַרײַן מישאַ, אַ יונגער־מאַן פֿון 21 יאָר, אין סטודענטן־קליידער).

מישאַ (אַרײַנקומענדיק, רעדט שנעל): אַך, זדראַווסטוווי, רחלע, מאָיאַ דאָראָגאַיאַ! (כאַפּט זי שנעל בײַ דער האַנט, ציט זי צו זיך און קושט זי נאָך איידער זי קען פּראָטעסטירן).

רחלע (דערפֿרייט זיך מיט אים): אַך, מישאַ! איך האָב דיך אַזוי אומגעדולדיק דערוואַרט, ווײַל איך האָב געוווּסט אַז דו דאַרפֿסט אַהערקומען.

מישאַ: און אַצינד, אַז איך בין שוין דאָ און מיר זענען אַליין, דערצייל מיר, וואָס האָסטו געטאָן און ווי האָסטו פֿאַרבראַכט זײַט מיר האָבן זיך דאָס לעצטע מאָל היײַנט פֿאַר נאַכט געזען?

רחלע: איך טו דאָס וואָס אַלע מאָל. איך לעז און איך טראַכט פֿון דיר.

מישאַ: טאַקע? אָבער וועלכעס פֿון די צוויי טוסטו מער?

רחלע: כאַ־כאַ! זאָגן דיר דעם אמת? (נעמט אָן זײַנעביידע הענט).

מישאַ: נאָר דעם ריינעם אמתן אמת. (ציט זי צו צו זיך).

רחלע (לייגט איר קאָפּ אויף זײַן ברוסט): מישאַ, איך טראַכט פֿון דיר מערער ווי איך לעז און מער ווי אַלצדינג. יאָ, וואָרעם זאָגאַר דאַן ווען איך פֿאַרטיף זיך שוין גאָר־גאָר שטאַרק אין לעזן, קומסטו מיר פּלוצלינג אויפֿן זינען און איך טראַכט פֿון דיר אַזוי פֿיל, אַזוי לאַנג...

מישאַ: כאַ, כאַ! איך האָב מורא, אַז ס'איז עפּעס ניט קיין ריינע זאַך דערבײַ. מען דאַרף זען געפֿינען אַ מיטל דערצו. נאָר זאָגן דיר דעם אמת, רחלע, איך הער אויך ניט אויף צו טראַכטן פֿון דיר טאָג און נאַכט. און יעדעס מאָל וואָס איך טראַכט פֿון דיר, פֿיל איך עפּעס אַזוי גוט, אַזוי זיס און אַזוי אָנגענעם... (אומאַרעמען זיך און קושן זיך, און אַזוי ווי זיי לאָזן זיך נאָר אָפּ, קומט צוריק פּיניע).

פּיניע: אַ, מישאַ, גוטן אָוונט!

מישאַ (צו ערשט שעמעוודיק, דערנאָך דרייסטער): גוטן אָוונט, אָנקל, גוטן אָוונט, גוט יאָר! וואָס מאַכט איר עפּעס גוטס און אַ סך? אַיאָ איך בין געקומען, אַ?...

פּיניע: מישאַ, דו ביסט אַ בראַווער מאַן, אַ וואָרטסמאַן!

מישאַ (קוקנדיק גנבֿיש צו רחלען): אָנקל, איר ווייסט דאָך אַז איך בין אימער באַרייט עפּעס צו טאָן פֿאַר אונדזערע אַרבעטער, און דערפֿאַר בין איך אַהער געקומען.

פּיניע (קוקט פֿאַרשטענדלעך אויף רחלען): יאָ, יאָ, דערפֿאַר ביסטו געקומען! (עס הערט זיך קלאַפּן און אייניקע שטימען הינטער דער טיר). אַרײַן! אַרײַן! (עס קומען אַרײַן אַרבעטער, פֿאַרשיידענע מענטשן).

אַלע (אַרײַנקומענדיק): זדראַווסטוווּיטיע! דאָבּרי וועטשער! גוטן־אָוונט! גוטן־אָוונט! (מאַנכע גיבן די הענט פּיניען מיט מישאַן).

פּיניע: דאָברי וועטשער! דאָברי וועטשער! גוטן־אָוונט, חבֿרה! איר זענט אַלע ריכטיק געקומען אין דער צײַט. נו, חבֿרה, זעט איר כאָטש, ווער עס איז מיט אונדז? — מישאַ, אונדזער פֿרײַנד, מישאַ! יאָ, מײַנע פֿרײַנדע, מישאַ איז אונדזערער אַ פֿרײַנד און ער איז אונדז געקומען העלפֿן מיט ראַט און טאַט.

אַרבעטער: פֿאַר וואָס ניט? פּאָטשעמו ניעט? זייער שיין!

מישאַ: איר ווייסט אַלע גוט, אַז איך בין אײַער פֿרײַנד און דערפֿאַר בין איך אַצינד דאָ. מײַן פֿאָטער דענקט לײַדער, ווי אַלע רײַכע, אַז די אַרבעטער לעבן פֿון אים. איך דענק אָבער, אַז דאָס איז פֿאַרקערט. און דערפֿאַר בין איך באַרייט אײַך צו העלפֿן דורכפֿירן וואָס עס וועט זײַן ראַטבאַר דאָ צו באַשליסן, אום אײַער לאַגע צו פֿאַרבעסערן.

פּיניע: איר הערט כאָטש? איר הערט ווערטער?

אַרבעטער: זייער שיין! אַ דאַנק, אַ דאַנק! ספּאַסיבאָ!

פּיניע: אַצינד, מײַנע פֿרײַנדע, וועל איך פּאַמעלעך צומאַכן די פֿענצטער מיט די טירן אַזוי אַז קיין בן־אָדם זאָל ניט הערן אָדער זען וואָס דאָ טוט זיך. (פּויזע. די אַרבעטער ריידן צווישן זיך, מאַנכע שטיל, געלאַסן, מאַנכע היציק און מאַכנדיק מיט די הענט. מישאַ און רחלע ריידן צווישן זיך שטיל אין ווינקל נעבן דער קאָמאָדע. פּיניע מאַכט צו ערשט צו די לאָדן און פֿענצטער און ווען ער לאָזט זיך גיין צו דער טיר וואָס פֿירט צו דער גאַס, עפֿנט זיך די טיר און ס'קומען אַרײַן דוד, אַ 50־יאָריקער מאַן מיט אַ גרויער באָרד, מיט פּענסנע, זייער עלעגאַנט געקליידט, און צינדמאַן, אַ יונגער־מאַן, 25 יאָר אַלט, מיט זייער שאַרפֿע אויגן, וועלכע קוקן כּסדר איבעראַל אַזוי ווי אומיסטן. ער איז געשעפֿטס־מעסיק געקליידט).

אַלע (שטאַרק דערשטוינט, מאַנכע רופֿן אויס): זיי דאָ! (איין אַרבעטער גיט באַלד אַ שטעל אויף דעם קאָלנער אום מען זאָל אים ניט דערזען און גייט שנעל אָפּ).

צינדמאַן (אַרײַנקומענדיק, וואַרפֿט באַלד זײַנע בליקן אויף אַלעמען אַרום זיך, צו דודן): נו, הער קופּער, זעט איר כאָטש, אַז איך ווייס וואָס דאָ טוט זיך! אָט האָט איר אַלע אַרבעטער!

דוד (שאָקלט צושטימיק מיטן קאָפּ): יאָ, יאָ, לײַדער זע איך דאָס! (אין דער צײַט קומט פֿריידע צוריק פֿון ספּאַלניע און דערזעט באַלד דודן, כאַפּט זי אונטערטראָגן דאָס בענקל וואָס שטייט נעבן דער טיר).

פֿריידע: זע נאָר, סאַראַ גאַסט! זיצט שוואָגער־לעבן!

פּיניע (נעמט געלאַסן צו דאָס בענקל בײַ פֿריידען און זאָגט שטיל): אַ מענטש, וואָס קומט צו יענעם אין הויז אָן גוטן־אָוונט, מיט אַ פֿינצטערער מינע אויפֿן געזיכט, פֿאַרדינט ניט, אַז מע זאָל אים גאַסטפֿרײַדשאַפֿט צײַגן. (שטעלט צוריק דאָס בענקל אויפֿן אָרט).

דוד (איראָניש): דו, דו, זײַ נאָר ניט בײַ זיך אַזוי גדולדיק! איך בין צו דיר ניט געקומען אין וויזיט, און איך שטיי ווייניק וואָס אין דײַן גאַסטפֿרײַנדשאַפֿט. איך בין אַהער געקומען בלויז זיך צו איבערצײַגן וואָס דאָ גייט פֿאָר.

פּיניע: איך בין דאָ בעל־הבית, און מיט מײַן ווילן מעג דאָ אַלץ געשען!

צינדמאַן (וועלכער האָט די גאַנצע צײַט געקוקט אויף מישאַן מיט רחלען): נו, הער קופּער, וואָס האָב איך געזאָגט? זעט איר כאָטש, אַז ער איז דער הויפּט־בונטאָוושטשיק? גלויבט מיר, אַז אַלע בעזפּאָריאַדקעס אין דער פֿאַבריקע פֿאַנגט ער אָן. אויך אײַער זון, מישאַ, איז דאָך אויך מיט זיי. (צײַגט אים אָן).

דוד (דערשטוינט): ווער? ווו? (דערזעט אים). מישאַ, וואָס טוסטו דאָ?

מישאַ (דרייסט): כ'פֿאַרשטיי ניט, האָב איך דען ניט קיין רעכט צו זײַן בײַ מײַן אָנקל אין הויז?

דוד: מישאַ, ביסטו אויך צווישן מײַנע פֿײַנד?

מישאַ: דאָס געוויס ניט, פּאַפּאַשאַ. איך בין בלויז צווישן מײַנע פֿרײַנד!

צינדמאַן (שטיל): דאָס האָבן זיי געוואָלט האַלטן אַ פֿאַרזאַמלונג וואָס איז געזעצלעך פֿאַרבאָטן, און ווען איר וועט מיר דערלויבן, הער קופּער, וועל איך דאָס גלײַך מעלדן דער פּאָליציי. (אייניקע אַרבעטער גייען אָפּ, אַזוי ווי בגנבֿה).

דוד: יאָ, צינדמאַן, מען מוז דעריבער די פּאָליציי פֿאַרשטענדיקן, ווען אַפֿילו מײַן אייגן בלוט און פֿלייש זאָל אין זייערע הענט אַרײַן. (זיי לאָזן זיך גיין צו דער טיר).

פּיניע (מאָמענטאַל שטאַרק אויפֿגערעגט, פֿאַרלויפֿט זיי דעם וועג, באַהערשט זיך קוים, דראָט מיט דער פֿויסט): און מעג עס זײַן מײַן אייגן בלוט און פֿלייש, ווער עס קומט אַהער אַלס אַ שפּיאָן און פּראָוואָקאַטאָר דער וועט ניט אַרויס לעבעדיק פֿון מײַנע הענט!

דוד (דערשטוינט, טרעט צוריק זייער אויפֿגערעגט): וואָס? דו וואַגסט דײַן האַנט צו הייבן קעגן מיר? ניט אומזיסט האָב איך אימער געפֿילט אַזאַ אָפּנייגונג פֿון דיר. דערפֿאַר וואָס איך האָב דיך שטענדיק באַשעפֿטיקט אין מײַן פֿאַבריקע, ביסטו מיר תּמיד געווען אַ שׂונא און האָסט מיר קיין מאָל ניט פֿאַרגונען מײַן פֿאַרמעגן. אַצינד וואַגסטו נאָך צו בונטעווען מײַנע אַרבעטער קעגן מיר? דאָס דאַנקסטו מיר אַזוי פֿאַר מײַן ברויט און זאַלץ, דו קבצניאַק?!...

פּיניע (טיף באַליידיקט, ענטפֿערט): האַלט ס'מויל! (וויל אים אָנגרײַפֿן).

פֿריידע: פּיניע, פּיניע, וואָס טוסטו?

רחלע (אין דער זעלבער צײַט): פּאַפּאַ! פּאַפּאַשאַ! באַרויִק זיך!

מישאַ (אין דער זעלבער צײַט צו דודן): פּאַפּאַשאַ, וואָס איז מיט דיר? פֿאַר וואָס די אומזיסטע באַליידיקונגען? (דוד דרייט זיך אָפּ פֿון אים, טרעט צו נעענטער צו צינדמאַנען).

צינדמאַן (צו דודן, שטיל): נאָר דער פּאָליציי דאָס מעלדן!

פּיניע (קאָנטראָלירט זיך, אָטעמט שווער, קוקט פֿאַראַכטנדיק אויף דודן): איך וויל גאָר מיט אים די הענט ניט אײַנשמירן! (איראָניש און געערגערט) אַוודאי בין איך דער קבצניוק, ער – דער רײַכער מאַן, און איך עס זײַן ברויט מיט זאַלץ. (ווענדט זיך פּלוצלינג בייז צו דודן) וואָס זשע, גנעדיקער הער פֿאַבריקאַנט, האָב איך אפֿשר דאָס ברויט מיט זאַלץ בײַ דיר אומזיסט באַקומען? האָב איך ניט שווער און ביטער געאַרבעט אין דײַן פֿאַבריקע פֿון זונען־אויפֿגאַנג ביז זונען־אונטערגאַנג? (צײַגט זײַנע הענט צו פֿריידען און רחלען און די איבעריקע) זעט, מענטשן, זעט, די הענט באַדעקט מיט מאַזאָליעס; זעט די געשוואָלענע אָדערן, די צייכנס פֿון שווערער, אומדערמידלעכער פּראַצע, און וואָס האָב איך דערפֿון מער אַלס ברויט מיט זאַלץ? און דאָך איז דאָס נאָך אַלץ זײַן! (פֿריידע וויינט) אוי, פֿרוי, קינד, מענטשן, איר פֿילט דען דעם ווייטיק, דעם שמאַרץ, ווי דאָס האַרץ בלוטיקט פֿון די ווערטער?!... און פֿון וועמען האָב איך דאָס געהערט? פֿון מײַן אייגענעם, עלטערן ברודער. (וואַרפֿט אַ פֿאַראַכטלעכן בליק אויף דודן, טרעט פֿון אים אָפּ). ניין! ניין! ניין! דאָרט ווו עס איז אַ פֿראַגע פֿון ברויט מיט זאַלץ, איז נישטאָ קיין ברודער, קיין שוועסטער, קיין פֿרײַנד, אַלץ הערט אויף! (אונטערגעבנדיק צו דודן) יאָ, הער קופּער, עס איז אמת! איר זענט דער רײַכער, גנעדיקער הער פֿאַבריקאַנט, איך — אײַער אָרעמער אונטערטעניקער שקלאַף! — מיר זענען שׂונאים, קעגנער פֿון צוויי פֿאַרשיידענע לאַגערן! אָבער דאָ, הער קופּער, בין איך בעל־הבית, און ווי אָרעם איך בין — בין איך דאָך שטאָלץ גענוג אײַך דאָ צו דולדן! (קלאַפּט אויף די טיר מיט אימפּעט), גיי, איך שעם זיך מיט דיר!

דוד (שטאַרק עמפּערט): המ... איצט איז געקומען די ענדע! (גייט צו דער טיר) פֿון הײַנט אָן ביסטו ניט מער מײַן ברודער; אַ פֿרעמדלינג, אַן אונטערגעוואָרפֿענער! און דו זאָלסט עס וויסן, אַז מער אין מײַן פֿאַבריקע קענסטו קיין אַרבעט ניט באַקומען, און דײַן פֿוס זאָל ניט וואַגן מײַן שוועל איבערצוטרעטן. (אָפּ).

צינדמאַן (אים נאָכגייענדיק, דראָט): המ... איך וואָלט זיי אַלע געלאָזט אַרעסטירן. (אָפּ. איבעריקע פּאָר אַרבעטער גייען אויך אַוועק).

מישאַ (שטאַרק געערגערט): אָנקל, איך בעט אײַך, אָנקל, באַרויִקט אײַך און פֿאַרגעסט וואָס עס איז ביז איצט פֿאָרגעקומען. איך גיי אים איצט נאָך, איך וועל מיט אים ריידן, אים אַלץ דערקלערן און אַלץ וועט ווידער גוט ווערן. (צו רחלען). רחלע, איך וועל אַהער קומען אַזוי שנעל ווי מעגלעך. אַ גוטע נאַכט! אַ גוטע נאַכט!

רחלע: אַ גוטע נאַכט, מישאַ (מישאַ אָפּ. זי גייט אים נאָך ביז צו דער טיר).